הימעל, געדיינק אן דיין ניין גארטען דאס דו האסט געפלאנצט מיט דיין היילינע האנד. – שטיי אויף מלך המשיח און זעה די ערדה פון גאט, דער וועק דיין משפט פאר דיין היילינען פאטער פון הימעל, און זאג פאר אים רבונו של עולם, ביז ווי לאנג וועסטו זיי פאר לאזין, איך בעט דיר אז מיינע יסורים וואס איך לייד, זאל זיין א פאר געבונג אויף די זינד פון די ישראל, איך בעט דיר גאט וועק אויף דיין חסד צו דיין היילינע פאלק ישראל, דו ביזט דאך דער קעניג איבער דער גאנצער וועלט, וואס דאס לעבין און דער טויט איז נאר אין דיינער מאכט, דו ביסט ממית ומחיה, קיין אנדער גאט איז ניט פארהאנדין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, דו ליבער גאט, דו דער גידערסט דעם מענשין אז ער גייט ניט אין דעם רעכטין וועג, און דו דער הייבסט דעם מענשין אז ער טוט תשובה און נעמט אויף זיך צו גיין אין גוטען וועג, דו שטראפסט און דו היילסט, מיין בטחון איז נור אויף דיר, וואס דו פירסט דיך געגין דעם מענשין מיט די שלש עשרה מדות פון רחמים, אמן:

## תחנה בזכות אמהות.

זכור געדיינק אונז דעם זכות פון שרה רבקה רחל ולאה, איבער דעם זכות פון זייערע גוטע מעשים, זאלסטו פאר נעמען מיין גיבעט און זאלסט בעניישן דעם חודש וואס מיר טוען יעצט בענשין צו גוטעס און צו ברכה, און דו זאלסט אונז געבין א לעבין פון פריד, לעבין פון ברכה, לעבין פון פרנסה און שטארקייט אין אונזערע ביינער, מיר זאלען פחד האבען צו טאן איין עבירה, מיר זאלען ניט ווערין פארשעמט פאר קיינעם, מיר זאלען האבען נחת און כבוד, מיר זאלען אין זיך האבען ליבשאפט צו דער תורה, און מורא פאר השי"ת, און זאלסט דער פילען די פערלאנגען פון אונזער הארצען צו גוטען, צוליב דעם זכות פון דער תפלה פון רבים, אמן סלה:

ווען מ'בענשט ר"ח מרחשון זאגט מען די תחנה.

רבון כל העולמים, הער פון אלע וועלטין, וואס דו הארכסט צו די גיבעט פון אלע מענשין, מיר קומען יעצט בענשין און היילינען דעם חודש "מרחשון" דאס אין דעם חודש האט שלמה המלך פארענדינט

דעם ערשטען בית המקדש (ווי עס שטייט געשריבען אין מלכים א' ו). — טרייער פאטער, אז איך דער מאן זיך מיט וואס פאר א ליבשאפט זיינען דיינע קינדערלאך אין דעם חודש צו געבונדען געווארען צו דיין תורה, ווייל זייערע אויגען האבען געזעהען, אז דורך זייער עולה לרגל זיין, זיינען זיי געבענשט געווארען מיט דיין השגחה פרטית, יעדער פאמיליע קומענדיג צו הויז (פון ירושלים) האבען זיי געפונען זייער גאנצען פערמעגין אין ארדנונג ווי זיי האבין געלאזין, שטארעס שאף וואס האבען זיך געפיטערט אין די וועלדער אונ קיין וואלף האט זיי ניט אנגערירט, עופות זיינען ארום געגאנגען ארום שטוב, ארום די גערטנער אונ קיין רייסענדע פויגעל האט זיי ניט צו ריסין, מאגאזינען תבואות, שראנקען מיט זילבער אונ גאלד אונ קיינער האט ניט אן גערירט, הגם עס זיינען געוועזען שלעכטע שכנים ארום ארץ ישראל, וואס האבען געשארפט די ציינער אויף אידישע רייכקייט אונ אויף די לאנד, אונ בעת אידין זיינען אוועק קיין ירושלים עולה לרגל זיין, האבען דאך די שלעכטע שכנים געהאט אגוטע געלעגענהייט זיך אריין צו חאפען אונ צו גענעמען אלעס, אונ אויך איין גענעמען פיל שטעט (פון ארץ ישראל) אונ באזעצין זיך אין זיי, פון אידין איז דאך קיינער ניט געבליבען אין די היזער, טו ווער האט זיי געהיט? דיין השגחה האט זיי געהיט, ווי דו האסט מבטיח געווען (ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות) קיינער וועט ניט געלוסטען דיין לאנד אונ דיינע רייכקייט, ווען דו וועסט גיין געזעהען ווערין פאר דעם בורא עולם אין בית המקדש, היינט אז אלע אידין פון קליין ביז גרויס האבין געזעהען אין דעם חודש מיט זייערע אויגען אז די תורה איז מן השמים (ווייל אמענש קען דאך ניט שרייבען אזא זאך וואס נעגין די נאטור) ווי ווייט איז דאס באליבט געווארין דיין תורה אונ דיין הייליגער נאמען, פון גרויס תשוקה וואס מיר וואלטין דאס אויך וועלין זעהען; בעט איך דיין רחמנות דו זאלסט אונז שיקען דעם גואל צדק, ער זאל אונז פירען מיט שטאלץ אין אונזער לאנד, אונ בויע אונז דעם דריטען בית המקדש מיט דיינע אייגענע הענד, בכדי ער זאל עוויג האבען א קיום. אונ דארטען וועלען מיר דיר דינען בקדושה, מיט גרויס ליבשאפט ווי מיר האפען. — אין דעם חודש מרחשון האט פאסירט נאך וויכטיגע זאכין, דעם עלפטין טאג אין אים האט אונזער מוטער רחל געבוירין איר זוהן בנימין, אונ ווייל זי איז שווער צו קינד גיגאנגען, איז זי פון דער וועלט אוועק גיגאנגען, בעטין מיר שטיי אויף

געטרייע מוטער רחל פון דיין קבר, און עפין אויף די טויערין פון רחמים, און דערוועק די דערבארימקייט פון דעם אלמעכטיגען גאט, דאס ער זאל שוין ממלא זיין וואס ער האט דיר צוגעזאגט, דען אז מ'האט די יודין אין גלות געפירט, ניט ווייט פון דעם קבר פון אונזער מוטער רחל, האבין די יודין זיך אויס געבעטין ביי דעם שונא, מ'זאל זיי לאזין גיין אויף איר קבר, און ווי די יודין זיינען געקומען אויף דעם קבר, און האבין אנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען מיט א ביטער געשריי, מוטער מוטער! ווי קאנסטו דאס צו זעהן, אז מ'זאל אונז פירען אין גלות אריין, און מ'זאל אונז אנטאן אזוי פיל יסורים, אזוי איז אונזער מוטער רחל ארויפגיגאנגען צו השי"ת מיט א ביטער געשריי און זאגט, רבונו של עולם, דיין רחמנות איז דאך פיל גרעסער ווי די רחמנות פון א בשר ודם, איך האב רחמנות געהאט אויף מיין שוועסטער לאה, ווען מיין פאטער האט פארביטען, און האט זי גיגעבין צו מיין מאן יעקב אויף מיין ארט, און האב איר אויס געזאגט די סימנים וואס מיין מאן האט מיר איבער גיגעבען, כדי מיין מאן זאל מיינען, אז איך בין דאס, ווען אויך די זאך איז מיר זייער שווער געוועזען, נאר פון וועגין די רחמנות אויף מיין שוועסטער האב איך דאס געטאן, און דו גאט ביזט דאך א רחום וחנון, בעדארפסטו אודאי רחמנות האבען אויף מיינע קינדער, דאן האט א שטימע פון הימל גיענטפערט, דו האסט רעכט, איך וועל דיינע קינדער ארויסציהען פון אלע צרות, און איך וועל זיי ארויסנעמען פון זייער פיין, און העלפין זיי עוויג. אלזא, דערוועק זיך יעצט אויך מוטער רחל, און שטיי אויף פון דיין קבר, און שטעל זיך פאר דעם כסא הכבוד, און בעט פאר דיינע קינדער, וואס זיי זיינען געגליכען צו שעפעלאך וואס בלאנדזשען אין דער מדבר צווישען חיות, דאס השי"ת זאל אויף זיי רחמנות האבען און בענשין

דעם חודש מרחשון לברכה והצלחה, אמן.

עורה נא, ערוועק זיך בנימין דער זאהן פון יעקב אבינו, שטעל זיך ביי דער רעכטער האנד פון דיין מוטער רחל און העלף איר בעטין פון דעם בעל הרחמים, אז דער חודש מרחשון, וואס דו ביסט גיבוירין גיווארין אין אים (יא בו), זאל דיין זכות אונז ביישטיין, ווען עס קומט פאר אקטרוג אויף אידען איבער די זינד פון "מכירת יוסף", וואס די ברידער האבין פאר קויפט זייער ברודער פאר אקנעכט,

ווייל,

וויל דער שטן טאנצט נאך עד היום צווישען אונז, מאכען א שנאה פון איין ברודער צום אנדערין אונ עובר צו זיין אויף די שבועה וואס השי"ת האט אונז באשווארין (דורך משה רבינו ע"ה) מיר זאלין ליב האבין איינער דעם צווייטין, אונ פאר דעם ניט היטין דאס, ליידין מיר זייער פיל, אונ אין דעם חודש מרחשון (ו בו) איז צדקיהו (דער לעצטער אידישער קעניג) גישטראפט גיווארן, וויל ער האט עובר שבועה גיוועזן, אונ נבוכדנאצר (דער קעניג פון בבל) האט גישאכטין זיינע קינדער פאר אים אין די אויגין, אונ נאכהער האט ער אים בלינד גימאכט. אונ אין שפעטערדיגע צייטין (שנת ה' תמ, יז חשון בעיר גראל) זיינען אוים גיהרגט גיווארען צוועלף טויזינד אידען אויף קדוש השם, אונ אין זעקס אונ צוואנציגסטען מרחשון (שנת ה' נב) האט מען ארויס גיטריבען אידין פון איינגלאנד, אונ דעם זעלבין טאג (שנת ה' קנד) האט מען ארויס גיטריבען אידין פון פראנקרייך, אונ דאס איז אלס פאר די עבירה פון שנאת חנם וואס זיא הערשט נאך צווישען אונז, זאל השי"ת דער מאנען דעם זכות פון בנימין הצדיק, וואס ער איז ניט גיוועזן אין די עצה פון מכירת יוסף, אונ האט גינומען אגרויסין אנטייל אין יעקב אבינו'ם צער, אונ האט זיינע קינדער נעמען גיגעבין נאך די צרות פון זיין ברודער יוסף, זאל זיין זכות מגין זיין, אז מיר זאלין שוין אוועק ווארפן קנאה אונ שנאה, בדורך וועלין מיר פון אונזערע צרות נצול ווערין, אונ דער חודש מרחשון זאל גיבענשט ווערין אויף אונז אונ אויף כלל ישראל צום לעבין אונ גיזונד ופרנסה מיט אלעם גוטין, אמן.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון אונ מי שעשה נסים

וויא ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות).

ווען מ'בענשט ר"ח כסלו זאגט מען דאס.

אל מלך יחיד שליט בעולמו, איינציגער קעניג דער וואס גיוועלטיגט אויף די גאנצע וועלט, מיר קומען יעצט בענשין אונ היילינגען דעם חודש כסלו, דאס אין דעם חודש האט אונזער מוטער לאה איר ערשטין זון ראובן געבוירין (דעם פערצענטין טאג אין חודש), רבונו של עולם, דו טוסט דער הויבין אלע נידעריגע, אונ טוסט באגליקען די אונגליקליכע, דער מאן אונז דעם זכות פון אונזער מוטער לאה, וואס זי האט פיל טרערין פאר גאסין, זי זאל אין דעם גורל פון עשו ניט פאלין, דען לויט פלעגין זאגין, יצחק האט צוויי זין, דער עלטערער